בס"ד
ואתחנן תשפ"ג
גליון 151

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיעַ זיין וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## גיוואַלד זייט אייך נישט מייאש!

דער שבת ווערט אָנגערופן שבת נחמו, ווייל אין די הפטרה פון די וואָך הייבט אָן דער נביא – דער באַפעל פונעם אויבערשטן - מיט די ווערטער "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי". ר' נתן איז מפרש דעם פסוק אויף עטליכע אופנים, מיר וועלן אַראָפּברענגען איין וועג. דער אויבערשטער בעט זיך צו די אידן "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי" מיין טייער פאָלק איך בעט פון יעדן באַזונדער: "טרייסט דיין חבר, דיינע פריינד און אַזוי אויך זאָלן די חברים אויף צוריק ענק טרייסטן, ווייל יעדער איינער דאַרף באַקומען פון זיין חבר עצות און דעת ווי אַזוי צו דינען דעם אויבערשטן, אַזוי אויך דאַרף יעדער איד אַריינשיינען אין זיינע חברים וויאַזוי צו דינען דעם באַשעפער מיט די למודים וואָס דער הייליגער רבי האָט אונז געלערנט.

שבת נחמו איז געווען איינע פון די דריי שבתים ווען מען פלעגט זיך צונויפקומען צום הייליגן רבי'ן. דעם לעצטן שבת שבת נחמו פון רבי'נס לעבן, זענען די תלמידים געקומען צום רבי'ן, דער רבי האָט שוין דאַן געוואוינט אין אומאַן, דאָס




איז געווען צוויי חדשים איידער זיין הסתלקות, דער רבי איז שוין געווען גאָר שוואַך. פרייטאָג צונאַכטס נאָכדעם וואָס דער רבי האָט געמאַכט קידוש, האָט ער געזאָגט מיט גרויס שלאָפקייט: "פאַרוואָס זענט איר געקומען צו מיר? איך בין איצטער אַ פּראָסטיק! איך ווייס נישט און איך געדענק גאָרנישט!" אַזוי האָט דער רבי ממשיך געווען מיט נאָך אַזעלכע רייד און איז אַריין אין אַן אינטערסאַנטע שמועס.

ווי ס'איז באַקאַנט אַז דער חיות וואָס אַ מענטש האָט איז נאָר פון די תורה, אָבער יעדער מענטש האָט ציטן ווען ער קען נישט לערנען, ער דאַרף זיך אָפּרוען צו עסן, שלאָפן, פּרנסה און נאָך פּריוואַטע געברויכן, וויאַזוי קען דעמאָלטס דער מענטש האָבן חיות – אַ לעבנס קראַפט - אויב ער איז דעמאָלט אָפּגעטיילט פון די תורה? אַזוי אויך די אַלע דורות פון אָדם הראשון ביז די דור ווען מ'האָט באַקומען די תורה וויאַזוי האָבן זיי געלעבט?

דער רבי איז דאָרט מסביר באַריכות (תורה ע"ח תניינא) אַ תירוץ. אינמיטן די שמועס האָט דער הייליגער רבי געגעבן אַ געשריי פון טיפעניש פון הארץ: " גיוואַלד זייט אייך נישט מייאש, קיין יאוש איז גאָרנישט פאַרהאַנדן!" ווען דער רבי האָט געזאָגט דאָס וואָרט גיוואַלד, האָט ער דאָס זייער אויסגעצויגן אויסצושרייען פאַר אונז אַלע

המשך קומענדיגע זייט

# דער רייַנער קוואל

המשך פון זייט 1

און אויף די שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער אַזוֹי ווִי אִין דֶעם צַייט וָואס מִיר שְׁטַייעֶן יֶעצְט נָאנְט צוּם רֶבִּי׳נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן גְלוּסְט זַייעֶר צוּהֶערְן דָאס קוֹל פוּן דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי הַפְטָרָה ״הַנּוֹתֵן רוֹזְנִים לְאָיִן שֹׁפְטֵי אֶרֶץ כַּתֹּהוּ עָשָׂה (יְשַׁעְיָהוּ מ, כג) - דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען מַאכְן פוּן אַלֶע פְּרֶעזִידֶענְטְן אוּן אַלֶע גְרוֹיסֶע שָׂרִים אוּן הַארְן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״נִישְׁט נָאר עֶנְק, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועלְט אִיז גֶעוֶוואנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה״, מִיר הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָּה אַז מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן וָואס גֶעבְּט אוּנְז פוּל חִיוּת אוּן עֵצוֹת אִין עֲבוֹדַת ה׳, אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ.

אַשְׁרֵינוּ וָואס יֶעדֶער פוּן אוּנְז בַּאזוּנְדֶער הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי צוּקֶערְדִיגֶע עֵצָה פוּן זוּכְן אוּנְזֶערֶע ״נְקוּדוֹת טוֹבוֹת״ אוּן פוּן ״בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי״. מִיר הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזוֹיפִיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳ס אִין אוּמַאן מִיט דִי אַלֶע תִּקּוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי קֶען גֶעבְּן נָאר אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג.

יֶעצְט וַוארְט מֶען פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אוּנְזֶער טַאטְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן קֶענֶען פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הבעל״ט, מֶען קֶען זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים דָאס מַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַּארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען תקט״ו- פִּינְף הוּנְדֶערְט מִיט פוּפְצְן - תְּפִלּוֹת צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: ״רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף, גֶענוּג!״ טָאמֶער אָבֶּער וָואלְט אַן אַנְדֶערֶע אִיד מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - אֲפִילוּ גַאנְץ אַ פְּשׁוּטֶער אִיד - וָואלְט דֶער אִיד גֶעקֶענְט פּוֹעֵלְ׳ן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל יָא קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי צַדִּיקִים אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

## שבת נחמו



**דֶער שַׁבָּת הֵייסְט שַׁבָּת נַחֲמוּ. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט דֶער טַייטְשׁ - אַז דֶער שַׁבָּת אַלֵיין אִיז אַ נֶחָמָה!**

**מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז שַׁבָּת אִיז דֶער צַדִּיק - ׳אַנְתְּ הוּא שַׁבָּת דְּכוּלְּהוּ יוֹמִי׳, דֶער צַדִּיק - עֶר אַלֵיין אִיז דִי נֶחָמָה.**

**נָאכְ׳ן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאבְּן מִיר אַ נֶחָמָה פוּן אַלֶע צָרוֹת אַז מִיר הָאבְּן דֶעם שַׁבָּת, אוּן וֶוער אִיז דֶער שַׁבָּת? ׳שַׁבָּת׳ אִיז דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת!**

(לויט טעם זקנים)

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## גֶעדוּלְד, גֶעדוּלְד...

דָאנֶערְשְׁטָאג בַּיינַאכְט. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט דִי רְשִׁימָה וָואס מֶען דַארְף אַיינְקוֹיפְן אִין עֶסְן גֶעשֶׁעפְט פַאר שַׁבָּת אוּן דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר מַיין בְּרוּדֶער עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין אִין גְרָאסֶערִי. מַיין בְּרוּדֶער נֶעמְט דָאס בֶּערְזְל אוּן אופפסס, סְ'אִיז לֵיידִיג.

"טַאטֶע, וִויאַזוֹי מֶען קֶען גֵיין אִין גְרָאסֶערִי הַיינְט?" מַיין טַאטֶע טַאפְּט אוֹיס זַיינֶע טַאשְׁן אוּן אוֹיסֶער אַפָּאר צֶעטְלֶעך אוּן קַארְטְלֶעך אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט. דָאס קְרֶעדִיט קַארְטְל נוּצְט מֶען נִישְׁט בַּיי אוּנְז נָאר אוֹיב עֶס הָאט דֶעקוּנְג.

"אָקֶעי, מֶען וֶועט שׁוֹין גֵיין מָארְגְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין גְרָאסֶערִי," הָאט מַיין מַאמֶע זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דֶערְזֶעְנְדִיג דֶעם מַצָּב. בֵּיזְדֶערְוַוייל הָאט זִי גֶעטוּן אַנְדֶערֶע הֲכָנוֹת לְשַׁבָּת, מִיט דֶער הָאפֶענוּנְג אַז מָארְגְן גַאנְץ פְרִי זָאל זִי שׁוֹין קֶענֶען אָנְהֵייבְּן צוּ קָאכְן אוּן בַּאקְן לְכָבוֹד שַׁבָּת.

מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט פַּרְשַׁת הָמָן אוּן גֶעבֶּעטְן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן מִיט בְּרֵייטְקַייט, טְרָאץ וָואס מִיר זֶענֶען ב"ה צוּגֶעוואוֹינְט צוּ אַזֶעלְכֶע מַצָּבִים, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס זַיינֶע חֲסִידִים צוּ הָאבְּן הַמְתֵּן אוּן אוֹיסְוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה.

שְׁפֶּעטֶער בַּאקוּמְט מַיין טַאטֶע אַ טֶעלֶעפָאן קָאל פוּן אַ בַּאקַאנְטְן אַז עֶר זוּכְט צוּ קוֹיפְן תַּשְׁמִישֵׁי קְדוּשָּׁה אוּן עֶר וִויל אַז מַיין טַאטֶע זָאל אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן. זָאגְט אִים מַיין טַאטֶע, גְרַאדֶע הָאבּ אִיךְ לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הַאנְדְלֶען מִיט דֶעם, עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ הָאבּ פַאר אַייךְ וָואס אִיר ווִילְט.

מַיין טַאטֶע הָאט אִים טַאקֶע גֶעפוּנֶען וָואס עֶר הָאט גֶעזוּכְט אוּן דֶער אִיד הָאט פָּארְאוֹיס אַרִיבֶּערְגֶעשִׁיקְט אַ שֵׁיינֶע סְכוּם גֶעלְט אִין מַיין טַאטְנְ'ס בַּאנְק קָאנְטֶע אוּן יֶעצְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶעקֶענְט נוּצְן דֶעם קְרֶעדִיט קַארְטְל אַיינְצוּקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת!



# טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן גְרֵייט

# סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנוֹת



# וֶוער וֶועט בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנוֹת?

# וָואס פַּארְלַאנְגְט זִיךְ ?

אויף קנעפל 3<2 קען מען זיך איינשרייבן, פאר מער פרטים אין קנעפל 3

646-585-3040 02-5-3333-72

מען קען רופן דעם טעלעפאן-ליין נאר מיט רשות פון די עלטערן

אָמַר (מוֹהַרְנַ"ת זַ"ל) אֲמִירַת סִפְרֵי אַדְמוֹ"ר זַ"ל שֶׁהֵם הַלִּקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וְסֵפֶר הַמִּדּוֹת וְהַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וְהַשִּׂיחוֹת שֶׁלּוֹ הָאֲמִירָה לְבַד מְסֻגֶּלֶת לְהַנְּשָׁמָה כְּמוֹ אֲמִירַת סִפְרֵי הַזֹּהַר וְהַתִּקּוּנִים:

עוֹד אָמַר שֶׁגַּם בִּימֵי אֱלוּל הַקְּדוֹשִׁים מִצְוָה לְאָמְרָם מִתְּחִלָּתָם וְעַד סוֹפָם וּמוֹעִיל מְאֹד מְאֹד:
(שיחות הר"ן אות ש"ח)



# דאס געשריי אין רוסישן טורמע #3

*הַמֶּשֶׁךְ*

ר' מֹשֶׁה הָאט זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה צוּ זַיין מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי גְּדוֹלֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אִין יֶענֶער צַייט, וָואס הָאט אִים צוּגֶערֶעדְט אַז אַזוֹי וִוי רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן סְעוּדוֹת זָאל עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַנְשְׁטָאט צוּצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה בַּיים יָארְצַייט פוּן רֶבִּי'ן חוֹל הַמּוֹעֵד סֻכּוֹת, דֶער גֶעדַאנְק אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַאר ר' מֹשֶׁה אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאט גֶעהַאט אַ חֲזָקָה אוֹיף דֶער סְעוּדָה פוּן יָארְצַייט, ר' יְחִיאֵל גְרִינְוַואלְד ז"ל פְלֶעגְט עֶס יֶעדְן יָאר צוּשְׁטֶעלְן. ר' מֹשֶׁה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ ר' יְחִיאֵל אוּן אִים עֶרְקְלֶערְט אַז עֶר הָאט אַ הַבְטָחָה פוּן יָארְן צוּרִיק דֶערִיבֶּער בֶּעט עֶר אוֹיב עֶר אִיז גְרֵייט אִים צוּ מְוַותֵּר זַיין דִי זְכוּת אוּן אַנְשְׁטָאט דֶעם זָאל עֶר נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דִי סְעוּדָה פוּן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת בַּיים יָארְצַייט פוּן רֶבִּי נָתָן. ר' יְחִיאֵל הָאט גֶערְן צוּגֶעשְׁטִימְט אוּן ר' מֹשֶׁה הָאט גֶענוּמֶען פְּלַאנֶען וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט צוּשְׁטֶעלְן דִי סְעוּדָה.

אִין דֶער גְרוֹיסֶער סוּכָּה פוּן ר' מֹשֶׁה אוֹיף רְחוֹב שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא הָאבְּן זִיךְ חוֹל הַמּוֹעֵד סֻכּוֹת ח"י תִּשְׁרֵי צֵאמְגֶענוּמֶען אַלֶע בְּרֶסְלֶב'עֲחַסִידִים, גֶעקוּמֶען פְּרַאוֶוען מִיט פְרֵייד דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ר' מֹשֶׁה פְלֶעגְט זִיךְ דְרַייעֶן צְווִישְׁן דִי גֶעסְט מִיט זַיינֶע דְרַיי זִין און אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט עֶסְן און טְרִינְקֶען און וָואס נָאר עֶס הָאט גֶעפֶעלְט, עֶר פְלֶעגְט רוּפְן זַיינֶע זִין מִיט זֵייעֶרֶע רוּסִישֶׁע נֶעמֶען אַבְּרַאשָׁא (אַבְרָהָם) נַאשְׁקֶע, (נַחְמָן) מָאטְקֶע... (מָרְדְּכַי) וַוייזְט אוֹיס נָאךְ פוּן גֶעווֹאוֹינְהֵייט פוּן דִי יָארְן אִין רוּסְלַאנְד.. עֶלְטֶערֶע אִידְן וָואס גֶעדֶענְקֶען נָאךְ דִי שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת דֶערְצֵיילְן אַז כְּאטְשׁ אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען אַ מֵיינוּנְגְס-פַארְשִׁידְנְהֵייט צְווִישְׁן דִי אַנְשֵׁי יְרוּשָׁלַיִם און דִי אַנְשֵׁי צְפַת וֶועגְן גֶעווִיסֶע הַשְׁקָפוֹת דָאךְ זֶענֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם גֶעקוּמֶען פְּרַאוֶוען דִי יָארְצַייט סְעוּדָה אִין דֶער סוּכָּה פוּן ר' מֹשֶׁה יֶרוֹסְלַבְסְקִי אוֹיךְ דִי צְפַת'עֶר חֲסִידִים און אוֹיךְ יְרוּשָׁלַיִמֶע'ר חֲסִידִים כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד, זִיךְ גֶעפְרֵייט און מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט לִיבְּשַׁאפְט און פְרֵיינְדְשַׁאפְט, מֶען הָאט גֶעקֶענְט מַמָּשׁ שְׁפִּירְן דֶעם וּפְרֹשׁ עָלֵינוּ סֻכַּת רַחֲמִים וְחַיִּים וְשָׁלוֹם.....

מִיט דֶער צַייט הָאט ר' מֹשֶׁה אָוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין פַּרְנָסָה, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט אַ גֶעשֶׁעפְט און גֶעהַאנְדְלְט מִיט הָאלְץ און הָאט זֵייעֶר שֵׁיין פַארְדִינְט, פוּן זַיין פַארְדִינְסְט פְלֶעגְט עֶר גֶעבְּן צְדָקָה אוֹיף זֵייעֶר אַ ווַאוּנְדֶערְלִיכֶן אִינְטֶערֶעסַאנְטְן וֶועג. עֶר פְלֶעגְט פַארְבָּארְגְן גְרוֹיסֶע סְכוּמִים גֶעלְט פַאר

מֶענְטְשְׁן אוּן מְוַתֵּר זַיין אוֹיף אַ חֵלֶק אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ אַן אָפְּטֶע עֶרְשַׁיינוּנְג וֶוען עֶר הָאט אוֹיךְ מְוַתֵּר גֶעוֶוען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער סְכוּם... דִי אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן ר' מֹשֶׁה דֶערְצֵיילְן אַז פַארְן בּוֹיעֶן דִי שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים הָאט ר' מֹשֶׁה פַארְבָּארְגְט פַאר ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים רוֹזִין זַ"ל צֶען טוֹיזְנְט לִירוֹת צוּ קֶענֶען אָפְּקוֹיפְן דֶער שֶׁטַח צוּ בּוֹיעֶן דִי שׁוּל, ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים הָאט פְּרָאבִּירְט צוּ אוֹיסְקְרַאצְן פוּן אַלֶע זַייטְן בִּיז עֶר הָאט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט טוֹיזְנְט לִירוֹת צוּ אָפְּגֶעבְּן פַאר ר' מֹשֶׁה, דִי אִיבְּרִיגֶע הָאט ר' מֹשֶׁה מְוַתֵּר גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז עֶס בּוֹיעֶט זִיךְ אַ שֵׁיינֶע שׁוּל אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.

נָאךְ אַן עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט מֶען אַז יָארְן שְׁפֶּעטֶער בַּיי דֶער לְוָיָה פוּן ר' מֹשֶׁה הָאט מֶען גֶעזֶען דֶער תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי הָרַב הַצַּדִּיק ר' אַבְרָהָם יִצְחָק קָאהֶן זַ"ל אִיז גֶעקוּמֶען בַּאגְלֵייטְן ר' מֹשֶׁה צוּ זַיין לֶעצְטְן וֶועג אוּן עֶר בַּאוֵוינְט אִים מִיט טְרֶערְן. עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן דָאס בַּאמֶערְקְט הָאבְּן זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט, דֶער תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי פְלֶעגְט נִישְׁט גֵיין אָפְט צוּ קֵיין לְוָיוֹת... נָאךְ דִי לְוָיָה זֶענֶען זֵיי צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז עֶפֶּעס דֶער אִיד עֶקְסְטֶער וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא זַאךְ? הָאט זֵיי דֶער תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַיי אַזַא אִיד... אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה:

פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר זֶענֶען מַיינֶע מוֹסְדוֹת גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ שְׁוֶוערְן צוּשְׁטַאנְד, דִי קְהִלָּה אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן אוּן גֶעלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, דִי חוֹבוֹת זֶענֶען גֶעשְׁטִיגְן גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ זִיךְ צוּ קֶערְן, בִּיז אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ אִיד אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד מִיטְן נָאמֶען ר' מֹשֶׁה יֶערוּסְלַבְסְקִי וָואס עֶר פַארְבָּארְגְט פַאר מֶענְטְשְׁן גְרוֹיסֶע סְכוּמִים גֶעלְט, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן בֶּעטְן בַּיי אִים אַ גְרוֹיסֶע הַלְוָאָה אוֹיף אַ לֶענְגֶערֶע טֶערְמִין, אוּן מִיט דִי גֶעלְט אָפְּגֶעבְּן אַלֶע חוֹבוֹת, אַזוֹי אַז לִיבֶּערְשְׁט זָאל דִי מוֹסְדוֹת קוּמֶען גֶעלְט נָאר פַאר אֵיין מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ אַז אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט בִּיז אִיךְ דַארְף אָפְּצָאלְן דֶעם חוֹב וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי רוּאִיגְקֵייט אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען שַׁאפְן נָאךְ גֶעלְט פוּן נְדִיבֵי עַם צוּ אָפְּגֶעבְּן דֶעם גְרוֹיסְן חוֹב פַאר ר' מֹשֶׁה.



אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אִין בַּאטְרַאכְט אַז ס'אִיז גַאנְץ מֶעגְלִיךְ ווִיבַּאלְד ר' מֹשֶׁה אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, עֶר גֶעהֶערְט צוּ אַן אַנְדֶערֶע קְהִלָּה וֶועט עֶר מִיר נִישְׁט וֶועלְן בָּארְגְן אַזַא גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, עֶר הָאט מִיר גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן!

וֶוען אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ ר' מֹשֶׁה

אוּן אִים גֶעבֶּעטְן דִי גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט: "תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי וֶוער וֶועט זַיין עָרֶב פַאר אַייךְ אוֹיבּ אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן צוּ אָפְּצָאלְן דֶער חוֹב?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עָרֶב בַּעֲדִי.... דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט זַיין מַיין עָרֶב..." נוּ אוֹיף אַזַא עָרֶב הָאט ר' מֹשֶׁה צוּפְרִידֶנְעְרְהֵייט גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן הָאט מִיר גֶעבָּארְגְט דָאס גֶעלְט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער טֶערְמִין צוּ אָפְּצָאלְן פַאר ר' מֹשֶׁה דִי גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, וְוִיפִיל אִיךְ הָאבּ נָאר פְּרָאבִּירְט דָאס צַאמְצוּשְׁטֶעלְן אִיז נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען צוּ פַארְשַׁאפְן דָאס גֶעלְט. פַארְצְוֵוייפְלְט בִּין אִיךְ ווִידֶער אַרַיין צוּ ר' מֹשֶׁה אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען פַארְלֶענְגֶערן דִי צַייט ווַייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט אָפְּצוּגֶעבְּן, צוּ מַיין גְרוֹיס פְרֵייד הָאט ר' מֹשֶׁה בַּאלְד מַסְכִּים גֶעוֶוען, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ שְׁטִיקְל צַייט צוּ פְּרָאבִּירְן צַאמְשְׁטֶעלְן דִי חוֹב. נָאךְ אַ לֶענְגֶערֶע צַייט-אָפְּשְׁנִיט אִיז מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס גְרֵייט גֶעוֶוען דָאס גַאנְצֶע סְכוּם צוּ אָפְּגֶעבְּן פַאר ר' מֹשֶׁה, מִיט פְרֵייד בִּין אִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעוָואלְט אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן דָאס גֶעלְט, אָבֶּער אַזוֹי ווִי אִיךְ שְׁטֵיי בַּיים שְׁוֶועל פוּן זַיין טִיר שְׁרַייט ר' מֹשֶׁה אַרוֹיס צוּ מִיר: "תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי, ס'אִיז אַלֶעס אִין אָרְדֶענוּנְג... אִיר דַארְפְט מִיר שׁוֹין נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דִי הַלְוָאָה, וַוייל דֶער עָרֶב הָאט שׁוֹין אַלֶעס אָפְּגֶעצָאלְט פַאר אַייךְ..."

פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, פִירְט אוֹיס דֶער תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן רֶבִּי מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, אַזַא אִיד, מִיט אַזַא אֱמוּנָה, אַזַא תְּמִימוּת... אַ אָדָם כָּשֵׁר ווִי אִים זָאל אִיךְ נִישְׁט קוּמֶען בַּאגְלֵייטְן?



ר' מֹשֶׁה הָאט אִין יֶענֶע צַייט אַסַאךְ פְּרָאבִּירְט שְׁתַּדְלֶ'ען צוּ בַּאקוּמֶען אַן אַיינְטְרִיט עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ אַרַיינְפָארְן אִין רוּסְלַאנְד צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶר הָאט פַאר דֶעם צְוֶועק גֶעשִׁיקְט בְּרִיוְו צוּ וֶועמֶען מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט, עֶטְלִיכֶע מָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן רוּסִישְׁן קָאנְסוּל בֶּעטְן הִילְף צוּ בַּאקוּמֶען אַ לֶעגַאלֶע עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ קֶענֶען פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער לַיידֶער אִיז אַרִיבֶּער אַן אַ שִׁיעוּר מְנִיעוֹת פוּן אַלֶע זַייטְן. י"ט סִיוָן תשי"ט הָאט ר' מֹשֶׁה אָפְּגֶעגֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה צוּרִיק, אוּן מִיר גְלֵייבְּן אַז זַיינֶע טְרֶערְן אוּן תְּפִלּוֹת, זַיינֶע אֱמֶתֶ'ע לוֹיטֶערֶע רְצוֹנוֹת אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז יֶעדֶער זָאל זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן אַלֶע גְרוֹיסֶע מוֹיעֶרְן אוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים קֶענֶען ווִידֶער קוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן קִבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן.

ענדע

# דָאס יָאר וֶועלְן אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער שֶׁענְקֶען אַ מַתָּנָה פַארְן רֶבִּי'ן!




## וָואס וֶועט זַיין דִי מַתָּנָה?

## אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז חַ"י תִּשְׁרֵי - דֶעם רֶבִּי'נְס יָארְצַייט, וֶועלְן אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אָוועקְגֶעבְּן פַארְן רֶבִּי'ן זִיבְּן מִינוּט אַ טָאג, אוּן דוּרְכְגֵיין לְפָחוֹת אֵיין סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

*ספעציעלע גורלות וועט זיין בעז"ה איין וואך נאכן זיך איינשרייבן, און א מתנה נאכן ענדיגן דעם ספר.*

*(עלטערן דארפן באשטעטיגן אז די קינדער האבן געלערנט)*

# מַעֲשֶׂה א' – פוּן אֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ (1)

אִין װעג הָאבּ אִיךְ דֶערצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה. װָאס װער עֶס הָאט זִי גֶעהֶערְט הָאט גֶעהַאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה.

אֵיין מָאל אִיז גְעוֶוען אַ מֶלֶךְ, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶיהַאט זֶעקְס זִין אוּן אֵיין טָאכְטֶער. דִי טָאכְטֶער אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גְעוֶוען, אוּן עֶר הָאט זִי זֵייעֶר מְחַבֵּב גְעוֶוען (כְּלוֹמֶר גֶעלִיבְּט) אוּן הָאט זִיךְ מִיט אִיהְר זֵייעֶר מְשַׁעֲשֵׁעַ גְעוֶוען.

אַמָאל אִיז עֶר מִיט אִיר גְעוֶוען אִין אֵיינֶעם אִין עֶפֶּעס אַ טָאג. אוּן אִיז אוֹיף אִיר בְּרוֹגֶז גְעוָוארְן. הָאט זִיךְ אִים אַרוֹס גִיחַאפְּט אַ וָוארְט דֶער נִיט גוּטֶער זָאל דִיךְ אַוֶועק נֶעמֶען. בַּיי נַאכְט אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אִין אִיר חֶדֶר אַרַיין. אִין דֶער פְּרִיא הָאט מֶען נִיט גִיוואוּסְט וִויא זִי אִיז, הָאט זִיךְ דֶער פָאטֶער (דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ) זֵייעֶר מְצַעֵר גִיוֶוען אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען זִי זוּכְן אַהִין אוּן אַהֶער.

אִיז אוֹיף גְשְׁטַאנֶען דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת. מַחֲמַת עֶר הָאט גִיזֶען. דֶער מֶלֶךְ הָאט גְרוֹיס צַעַר. אוּן הָאט גִיבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אִים גֶעבֶּן אֵיין מְשָׁרֵת מִיט אֵיין פֶּערְד. אוּן גֶעלְט אוֹיף הוֹצָאוֹת. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען זִי זוּכְן. הָאט עֶר זִי זֵיעֶר גִיזוּכְט. זֵייעֶר אַלַאנְגֶע צַייט, בִּיז עֶר הָאט זִי גִיפוּנֶען. (הַיינְט דֶער צֵיילְט עֶר וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִי גִיזוּכְט בִּיז עֶר הָאט זִי גִיפוּנֶען) אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט. (אוּן) אִין מִדְבָּרִיּוֹת אוּן אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער אוּן הָאט זִי גִיזוּכְט זֵייעֶר אֵיין לַאנְגֶע צַייט.

אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען (אוּן) אִין מִדְבָּר אוּן הָאט גְזֶען אַוֶועג פוּן דֶער זַייט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען בַּאֲשֶׁר אִיךְ גֵיי אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט אִין דֶער מִדְבָּר אוּן קָאן זִי נִיט גִיפִינֶען. לָאם אִיךְ גֵייעֶן אוֹיף דֶעם וֶועג. טָאמֶער וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אֵיין יִשּׁוּב. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אַלַאנְגֶע צַייט.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר גִיזֶעהן אַ שְׁלָאס אוּן אַסַאךְ חָיילוֹת שְׁטֵייעֶן אַרוּם. אוּן דֶער שְׁלָאס אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, אוּן דִי חַיָילוֹת זֶענֶען אַרוּם גִישְׁטַאנֶען כְּסֵדֶר זֵייעֶר פַיין. הָאט עֶר מוֹרָא גִיהַאט פַאר דִי חֲיָילוֹת. טָאמֶער וֶועלְן זֵיי אִים נִיט לָאזְן אַרַיין גֵיין. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען אִיךְ וֶועל מִיךְ פְּרוּוֶון. אוּן הָאט אִיבֶּער גִילָאזְט דָאס פֶערְד, אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם שְׁלָאס. הָאט מֶען אִים גִילָאזְט. אוּן מֶען הָאט אִים גָאר נִיט מְעַכֵּב גִיוֶוען אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען פוּן אֵיין חֶדֶר צוּם אַנְדֶערִין אוּן מֶען הָאט אִים נִיט גִיוֶוערְט. אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ אֵיין פַּאלַאץ. הָאט עֶר גִיזֶען. דֶער מֶלֶךְ זִיצְט דָארְט אִין אֵיין קְרוֹין. אוּן אַסַאךְ חַיָילוֹת שְׁטֵייעֶן אַרוּם אִים. אוּן אֵיין סַאךְ שְׁפִּילְן אוֹיף כֵּלִים פַאר אִים אוּן עֶס אִיז דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין אוּן פַיין גִיוֶוען. אוּן דֶער מֶלֶךְ אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים גָאר נִיט גִיפְרֶעגְט.

אוּן עֶר הָאט דָארְט גִיזֶעהן גוּטֶע מַאֲכָלִים. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיגֶעסִין. אוּן

אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִילֵייגְט אִין אֵיין וִוינְקֶעלֶע עֶר זָאל זֶעהן וָואס דָארְטִין וֶועט זִיךְ טוּהְן, הָאט עֶר גִיזֶען דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דִי מַלְכָּה. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען זִיא בְּרֶענְגֶען. אִיז דָארְטִין גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אוּן אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן דִי קַאפֶּעלְיֶעס הָאבֶּן זֵייעֶר גִישְׁפִּילְט אוּן גִיזוּנְגֶען. וַוייל מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט דִי מַלְכָּה. אוּן מֶען הָאט אִיר גִישְׁטֶעלְט אֵיין שְׁטוּל. אוּן מֶען הָאט זִי גִיזֶעצְט לֶעבִּין אִים. אוּן דָאס אִיז גִיוֶוען דִי בַּת מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט זִי גִיזֶען אוּן הָאט זִי דֶער קֶענְט.

נָאךְ דֶעם הָאט דִי מַלְכָּה אֵיין קוּק גִיטָאן אוּן הָאט גִיזֶען אֵיינֶער לִיגְט אִין אֵיין וִוינְקֶעלֶע הָאט זִי אִים דֶער קֶענְט, אִיז זִיא אוֹיף גִישְׁטַאנֶען פוּן דֶער שְׁטוּל אוּן אִיז צוּ אִים גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אִים אָן גִירִירְט, אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט קָאנְסְטוּ מִיךְ הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְפֶּרְט יוֹא. אִיךְ קֶען דִיךְ דוּ בִּיסְט דִי בַּת מֶלֶךְ וָואס אִיז פַּאר פַּאלִין גִיוָוארִין. הָאט עֶר זִי גִיפְרֶעגְט וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט זִי אִים גִיעֶנְפֶּערְט וַוייל דֶעם טַאטִין הָאט זִיךְ אִים אַרוֹיס גִיחַאפְּט דָאס וָוארְט (הַיְינוּ אַז דֶער נִיט גוּטֶער זָאל דִיךְ נֶעמֶען) אוּן דָא אִיז דָאס אָרְט וָואס אִיז נִיט גוּט.

הָאט עֶר אִיר דֶער צֵיילְט אַז אִיר פָּאטֶער אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר. אוּן עֶר זוּכְט זִי כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים. אוּן הָאט זִי גִיפְרֶעגְט. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען. הָאט זִי אִים גִיעֶנְפֶּערְט. דוּ קָאנְסְט מִיךְ נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען. סַיידִין אַז דוּ זָאלְסְט דִיר אוֹיס קְלוֹיבִּין אֵיין אָרְט אוּן זָאלְסְט דָארְט זִיצִין אֵיין יָאר. אוּן אַגַאנְץ יָאר זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען נָאךְ מִיר זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט זָאלְסְטוּ רַק בֶּענְקֶען אוּן וֶועלִין אוּן הָאפִין מִיךְ אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען. אוּן זָאלְסְט פַּאסְטִין. אוּן אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטִין טָאג פוּן דֶעם יָאר זָאלְסְטוּ פַּאסְטִין אוּן זָאלְסְט נִיט שְׁלָאפְן דֶעם גַאנְצִין מֵעֵת לְעֵת, אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אַזוֹי גִיטָאן.

אוּן צוּם סוֹף יָאר דֶער אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג. הָאט עֶר גִיפַאסְט. אוּן הָאט נִיט גִישְׁלָאפְן. אוּן הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּן. אוּן אִיז אַהִין גִיגַאנְגֶען (הַיְינוּ צוּ דֶער בַּת מֶלֶךְ זִי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען) הָאט עֶר דֶער זֶעהְן אֵיין בּוֹים אוֹף דֶעם בּוֹים הָאבְּן גִיוַואקְסֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע עֶפִּיל. הָאט זִיךְ אִים זֵייעֶר גִיגְלוּסְט אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט גִיגֶעסֶען פוּן זֵיי. תֵּיכֶף וִוי עֶר הָאט גִיגֶעסֶען דֶעם עֶפִּיל. אִיז עֶר אַנִידֶער גִיפַאלְן אוּן עֶס הָאט אִים אָן גִיחַאפְּט אֵיין שְׁלָאף. אוּן הָאט גִישְׁלָאפְן זֵייעֶר אֵיין לַאנְגֶע צַייט הָאט דֶער מְשָׁרֵת אִים גֶוועקְט. אוּן עֶר הָאט אִים נִיט גִיקָאנְט דֶער וֶועקְן

דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט פוּן דֶעם שְׁלָאף. פְרֶעגְט עֶר דֶעם מְשָׁרֵת. וִוי בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט. הָאט עֶר אִים דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. דוּ שְׁלָאפְסְט שׁוֹין זֵייעֶר אֵיין לַאנְגֶע צַייט. עֶס אִיז שׁוֹין כַּמָה שָׁנִים. אַז דוּ שְׁלָאפְסְט.

שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## אבידת בת מלך (1)

א. וויפיל זון און וויפיל טעכטער האט דער מלך געהאט?

- ❑ זעקס זון און איין טאכטער
- ❑ זעקס טעכטער און איין זון
- ❑ דריי זון און דריי טעכטער

ב. וואס איז די ווארט וואס האט זיך ארויס געכאפט פון מלך?

- ❑ אז דער גוטער זאל דיר נעמען
- ❑ אז דער באשעפער זאל דיר נעמען
- ❑ אז דער נישט גוטער זאל דיר נעמען

ג. ווער איז געגאנגען זוכן די בת מלך?

- ❑ דער זון פון מלך
- ❑ דער שני למלכות
- ❑ די משרתים פון מלך

ד. וויאזוי איז געווען די שלאס (פאלאץ) וואס ער האט געזעהן?

- ❑ זייער שיין
- ❑ די מיליטער זענען ארום געשטאנען זייער פיין
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

ה. וואס האט זי געזאגט אויף די פאלאץ?

- ❑ אז ס׳איז א גוטע פלאץ
- ❑ אז דא איז די פלאץ וואס איז נישט גוט
- ❑ זי האט גארנישט געזאגט

ו. און וואס זאל ער טוהן דעם אונטערשטן (לעצטן) טאג?

- ❑ פאסטן
- ❑ נישט שלאפן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

ז. וואס האט ער געזאגט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט?

- ❑ פארוואס האב איך געגעסן פון די עפל
- ❑ פארוואס בין איך געשלאפן אזויפיל צייט
- ❑ וואו בין איך אין דער וועלט

ח. וואו איז מרומז אין די מעשה וואס עס שטייט אין תורה ס׳ אז **ע״י פגם תאוות אכילה... נופלין לבחינת שינה?**

ט. וויאזוי קען זיין אז די פאלאץ וואו די בת מלכה איז געווען פארכאפט איז די פלאץ פון ׳די נישט גוטע׳ ווען ס׳איז דארט געווען גוטע מאכלים און קאפעליעס וואס שפילן און זינגען און אלעס איז דארט זייער פיין און שיין? וואס לערנסטו זיך פון דעם?

י. וואו קען מען זיך לערנען פון די מעשה, אז טראץ די שוועריקייט און מניעות צו יעדע דבר שבקדושה וואס זעט אויס אוממעגליך צו טון, דארף מען פארט פרובירן טון וואס מען קען נאר?

**דער געווינער אויף הקדמה סיפורי מעשיות #1**
**איז הילד החשוב בנימן אנשין, בית שמש 6589****

די מתנה ליגט ביים משגיח אין ת״ת ברסלב בית שמש / ירושלים

צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

*הֶמְשֵׁךְ דֶער אָרִימַאן הָאט שׁוֹין אַ נַייעֶם שֻׁתָּף דוּרְכְצוּפִירְן גְנֵיבוֹת.*

הָאט דֶער אָרִימַאן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן דָא בֵּיידֶע גַנְבֶ'ענֶען וֶועט דֶער בַּעַל-הַבַּיִת אָרִים וֶוערְן, וַוייל אִיךְ אַלֵיין וָואלְט נָאר גֶעגַנְבֶ'עט וִויפִיל עֶס פֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ יוּפָּא (שֵׁיינֶער מַאנְטְל) אָבֶער אַזוֹי וֶועט דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט אוּן בַּארוֹיבְּט וֶוערְן אוּן בְּלַייבְּן מִיט גָארְנִישְׁט.

זָאגְט דֶער אָרִימַאן צוּם גַנָב: "פַארְוָואס זָאלְן מִיר בַּא'גַזְלְ'ן דֶעם אִיד, בֶּעסֶער לָאמִיר בַּארוֹיבְּן דִי גוֹיִם". דִי פְּלַאן אִיז גֶעפָאלְן דֶעם גַנָב, אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן צוּ מַאכְן אַ רוֹיבֶּעַריי בַּיים קֶענִיג וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דֶעם שְׁטָאט, זִיכֶער וֶועט עֶר קֶענֶען גַנְבֶ'ענֶען וַוייל דָאס אִיז דָאךְ זַיין מַזָל.

זָאגְט דֶער גַנָב: "בֶּעסֶער מִיר זָאלְן בַּארוֹיבְּן דִי פָּאר-קְלֵיידֶער פוּנֶעם קֶענִיג וָואס עֶר קְלַיידְט זִיךְ אָן וֶוען מֶען בַּאקְרוֹינְט אִים, פוּן דֶעם וֶועלְן מִיר קֶענֶען לֶעבְּן אוֹיף לַאנְגֶע יָארְן, דוֹרֵי דוֹרוֹת, אוּן אִיךְ וֵויים וואוּ דִי קְלֵיידֶער גֶעפִינֶען זִיךְ".

דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעפָאלְן דֶער פְּלַאן, זִיכֶער וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען צוּרוֹיבְּן וַוייל דָאס אִיז דָאךְ זַיין מַזָל. דִי בֵּיידֶע שְׁפַּאצִירְן אַהִין, זֵיי גֵייעֶן אַרַיין פוּן אֵיין צִימֶער צוּם צְוֵוייטְן אוּן טְרֶעפְן דִי קְלֵיידֶער. דִי טַאשְׁן פוּן דִי קְלֵיידֶער זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר טַייעֶר אוּן זֵיי הָאבְּן דָאס גֶענוּמֶען.

אִיז גֶעוָוארְן אַ קְרִיגֶעַריי צְוִוישְׁן זֵיי, וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶע קְלֵייד אוּן אֵיין קְלֵיינֶע קְלֵייד. דֶער גַנָב זָאגְט: "מִיר קוּמְט דִי גְרוֹיסֶע וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט צוּ זָאגְן פוּן דִי גְנֵיבָה", דֶער אָרִימַאן וִוידֶער הַאלְט אַז עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אִים, וַוייל עֶר אִיז דֶער בַּר-מַזָל זַיין מַזָל הָאט צוּגֶעשְׁפִּילְט עֶס צוּ קֶענֶען אָפְּרוֹיבְּן.

זָאגְט דֶער אָרִימַאן: "זָאל מֶען גֵיין פְרֶעגְן דֶעם קֶענִיג אַלֵיין!".

דֶער גַנָב זָאגְט מִיט וואוּנְדֶער: "וָואס, וִויאַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ פְרֶעגְן אַזַא זַאךְ דֶעם קֶענִיג?".

דֶער אָרִימַאן זָאגְט: "מִיט דֶעם אַלֶעם וֶועל אִיךְ גֵיין אִים פְרֶעגְן".

"אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט טוּן אַזַא זַאךְ צוּ גֵיין פְרֶעגְן דֶעם קֶענִיג" זָאגְט דֶער גַנָב, וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן דָאס גְרוֹיסֶע קְלֵייד.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּם קֶענִיג. דָארְט בַּיים קֶענִיג אִיז גֶעלֶעגְן אֵיינֶער וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְן קֶענִיג מַעֲשִׂיוֹת עֶר זָאל קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן. דִי צְוֵויי קוּמֶען נֶענְטֶער אוּן כַאפְּן אָן דֶעם קֶענִיגְ'ס בֶּעט וָואס עֶר שְׁלָאפְט דֶערִין אוּן טְרָאגְן דִי בֶּעט אִינְאֵיינֶעם מִיטְן קֶענִיג צוּ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע צִימֶער.

הֶמְשֵׁךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בעז"ה

(כּוֹכְבֵי אוֹר – סִפּוּרִים נִפְלָאִים)

